## פייטעל און טרייטעל



פייטעל: דו ווייסט, טרייטעל, איך האַלט, [...]ע מענשען זענען ברידער,
טרייטעל: יאָ, פונקט אַזוי ווי קין און הבל.

## ביטערע צייטען
### נישטאָ וועמען צו קרעדיטירען

סוחר (לייענענדיג אין דער צייטונג, אַז גאָט־[...]יב׳ט זוהן האָט געפּאַטשט יאָשזאַנ׳צן) איך זאָג [...]ייך, אַז מיט אונזערע קרעדיטען דאַרף עס זעהר [...]עלעכט.

צווייטער: דהיינו?

— אַז קיין פּאַטש גיט מען אויה שוין נישט [...]!...

## [ו]ואס עס קאן אַלץ געשעהען
### אין משך פון דריי טעג

— זאָגט מיר, דער ד״ר ק. וועלכער איז אַמאָל [ג]עווען אַ סאָציאַליסט, שפּעטער אַ ציוניסט און [ל]עצטענס אַ סאַנאַטאָר — צו וועלכער פּאַרטיי גע־הערט ער היינט?

— כ׳ווייס נישט, כ׳האָב איהם שוין דריי [ט]עג נישט געזעהען.

## געווינען און פערלוירען

אויף דער פּעטריקאָווער גאס געהט אַ שטייפער [...]פערשוין, ווי ער וואָלט אַראָפּגעשלינגען אַ טעלע־[ט]ראָף־סלופּ. פרעגט איינער דעם צווייטען:

—ווער איז דאָס דער שטייפער?

— דאָס איז אַ יוד וואָס האָט געווינען געלד און פערלוירען דעם שכל.

## אַ יוד האָט נישט קיין מזל

— וואָס ביזטו עפּעס היינט אַזוי טרויעריג?

— אַ פעטער איז מיר געשטאָרבען.

— נו איז וואָס, אַ פעטער?

— אָבער נישט דער פעטער, אויף וועלכען איך [ה]אָב געוואַרט.

## אַ דאָקטאָר אַ מבין

אַ היגער דאָקטאָר איז די טעג געווען אויף אַ קאָנצערט פון אַ בעריהמטער זינגערין בעת׳ן אַנטראַקט, פרעגט איהם אַ בעקאַנטער:

— נו, פּאַניע דאָקטאָזשע, ווי געפעלט אייך די שטימע פון די זינגערין?

— דאָס איז די שענסטע אַסטמע, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט אין מיין פּראַקטיק. — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

## חסידים שרעקען זיך נישט

אין אַ שטיבעל האָט מען אַרויסגעהאָנגען אַן אויפרוף וועגען דער שעדליכקייט פון אַלקאָהאָל. דער אויפרוף האָט זיך געענדיגט מיט די ווערטער: רבותי: אַלקאָהאָל דער׳הרג׳עט!
האָט איינער צוגעשריבען:
און חסידים שרעקען זיך נישט פאַר׳ן טויט!

נראַף קאַלי.

## דער יום-הדין

ס׳איז דאָס זומער-ליד פערקלונגען
פעלדער זענען מעהר נישט גרין
וואָס זשע איז דערפון געדרונגען
אַז עס געהט אַ יום הדין.

ס׳הערשט אין דייטשלאַנד געגען יודען
אַ הפקרות גאָר אָהן זין
נאָר דער „פיהרער״ וועט דערשפּירען
אַז עס געהט אַ יום הדין...

מוסאָליני שטעהט און סטראַשעט
און זיין פּנים איז אַזש גרין,
וועלען געגען איהם זיין „סאַנקציעס״
מאַכט ער גלייך אַ יום הדין...

דורכגעפאַלענע דעפּוטאַטען,
געהען נעבעך געל און גרין
זיי, רבותי, האָבען איצטער
שוין דערשפירט דעם יום הדין...

ס׳רוקט זיך אָן דער קאַלטער ווינטער,
מיט די גלעקלאַך דזשין... דזשין... דזשין...
און די באַלוטער קבצנים
פיהלען שוין דעם יום הדין...

## ווייבער טוט תשובה!...

אָ, טייערע ווייבער, טוט תשובה, טוט תשובה,
דער שטן — ער שטעהט אויף דער וואַך
אויף אַלע מקומות, אין קור - ערטער, דאַטשעס,
געזינדיגט, אוי, האָט איהר אַ סך...

דערמאָהנט זיך אין קריניצער דאָרט עולם הזה
— אַז גאָט זאָל אייך מוחל זיין, בעט
דערמאָהנט זיך, אָ, ווייבער אין ווישניאָווער פּלאַזשע
און שלאָגט זיך אין האַרצען על חטא!

דערמאָהנט זיך די אַלע ראָמאַנסען - געשיכטען
וואָס אייך האָט געטראָפען ביינאַכט,
דערמאָהנט זיך דעם פינסטערען וואַלד דעם געדיכטען,
וואו איהר האָט פון צנועות געלאַכט...

## דעם דאָקטאָר מוז מען פאָלגען

מאַן (צו דער פרוי): שלמה, גיב מיר דיין העמד, וועל איך דיר געבען מיין העמד.
פרוי: צי וואָס?
מאַן: כ׳בין געווען ביים דאָקטאָר, האָט ער מיך געהייסען טוישען די וועש.

### קלאָר און דייטליך

רעדאַקטאָר (צו אַ יונגען דיכטער): איהר דאַרפט אייערע לידער איבערשרייבען אויף דער מאַשין, וואָלט מען זיי גיכער געקענט לייענען.

דיכטער: פּאַניע רעדאַקטאָזשע, ווען איך וואָלט געקענט שרייבען אויף אַ מאַשין, וואָלט איך נישט געדאַרפט שרייבען קיין לידער!...

### ער האָט דערזעהען

זי: וואָס האָבען זי דאָס ביי מיר געזעהען, וואָס זי שדכ׳ענען זיך צו מיר?

ער: ביי איהן גאָרנישט, נאָר ביי איהנס טאַטעשי האָב איך אַ סך געזעהען.

קאַפּריזנער

### אויסגערעכענט

מאַן: ווייסט פּערעלע, כ׳האָב געדונגען אַ וואוי־נונג מיט אַ באָדע צימער.

— נישט נייטיג געווען, כ׳פאָהר סיי־ווי־סיי אַלע יאָהר אין באָד אריין.

קאַפּריזנער

### אין שפּיטאָל

אָרדינאַטאָר: וויפיל טויט־פאַלען זענען היינט געווען?

אסיסטענט: פיר

אָרדינאַטאָר: ווי אַזוי? איך האָב דאָך היינט פערשריבען פינף רעצעפּטען?

אסיסטענט: יאָ, אָבער דער 5־טער האָט זי נישט גענומען.

### צווישען סוחרים

— ווען נעהמט די פרוי אָן דעם מאַנס נאָמען?

— ביי דער חופּה.

— און ווען נעהמט דער מאַן אָן דער פרויס נאָמען?

— ביים באַנקראָט.

### דאָס זענען זיי

אַ היגער קריזיסאָווע גביר, האָט זיך געקויפט 2 פערד. טעלעפאָנירט ער צו אַ סוחר פון פּאַשע:

— שיקט מיר באַלד צו 20 קילאָ האָבער און 10 קילאָ היי.

— פאַר וועמען?

— וואָס הייסט, פאַר וועמען? פאַר מיר! — האָט דער קריזיסאָווע גביר געענטפערט.

### „פּאַ כופּיע״...

— זאָג מיר, הענעך, ס׳געפינט זיך אַזאַ טינט, וואָס נאָך 3 חדשים איז ער נישט לעזבאַר?

— צי וואָס דאַרפסטו אַזאַ טינט?

— כ׳מאַך חתונה אַ טאָכטער, שטעל איך אויס דעם חתן נדן־וועקסלען.

---

הומאָר ● סאַטירע ●

# דער קונדס

● צוזאַמענגעשטעלט פון אַב—נעק

ביילאַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט״ נומער 221 — פרייטאג, דעם 20 סעפּטעמבער 1935

## ס׳איז נאָך נישט אַזוי שלעכט




ס׳איז נאָך דאָ וואָס צו נעהמען!...

